**גוט שבת אלע אידן.** די חכמים האבן אונז געלערנט אז פיר זאכן דארפן חיזוק, לערנען תורה, טון מעשים טובים, דאווענען און דרך ארץ. (ברכות לב:) אין אמת'ן אריין, אלע פיר זאכן זענען וויכטיגע אין עבודת ד'. אבער, לאמיר נעמען איינער פון די זאכן וואס דורך דעם וואס מען איז זיך מתחזק אין דעם ענין ,קענען מיר אנקומען צו מער שמחה, הרחבת דעת, הצלחה אין לעבן, און וועניגער דאגות. איז לאמיר זיך מתחזק זיין אין דעם ענין פון תפילה.

אין דער וואכעדיגע פרשה תולדות, דערציילט די הייליגע תורה ווי יעקב איז געקומען נעמען די ברכות פון זיין טאטן יצחק'ן. ווען יעקב איז געקומען אנגעטון מיט עשו'ס לבוש, האט יצחק אבינו ע"ה אנגעטאפט יעקב'ן און געזאגט: "...הקל קול יעקב והידים ידי עשו." – די שטימע איז די שטימע פון יעקב און די הענט זענען די הענט פון עשו. (בראשית כז,כג) דער מדרש איז מסביר פון דער פסוק א וויכטיגע יסוד אין אידישקייט: "...כל זמן שקולו של יעקב מצפצף בבתי כנסיות ובבתי מדרשות, אין הידים ידי עשו, וכל זמן שאין קולו מצפצף בבתי כנסיות ובתי מדרשות הידים ידי עשו." (מדרש איכה פתיחתא, סימן ב, סימן א) דאס מיינט צו זאגן אז ווי לאנג אידן דאווענען צום אייבערשטען און לערנען דער הייליגער תורה, וועלן די הענט פון עשו, ד"ה די גוים נישט האבן קיין שליטה אויף אונז.

וועגן אונזער כח התפילה האט דער נביא אונז געזאגט: "אל תיראי תולעת יעקב." דו זאלסט נישט מורא האבן דו ווארם יעקב. (ישעיה מא, יד) פארוואס איז ישראל צוגעגליכן צו א ווארם, זענען מיר נישט די שפיטץ פון דער בריאה? ענטפערט די מדרש: "מה התולעת הזו אין לה אלא פיה, כך ישראל אין להם אלא תפלת הפה. מה תולעת מתעקרת את האילן בפיה, כך ישראל מתעקרין בפיהם ובתפלתם גזירות רעות שמחשבין עליהם אומות העולם..." (מדרש תהלים פרק כב סימן כ) די אידן זענען אזוי ווי א ווארם וואס זיין איינציגסטע כח איז אין זיין מויל, ווייל די שטערקסטע כח וואס די אידן האבן איז דאווענען מיט'ן מויל. אזוי ווי א פיצי ווארם קען ארויסרייסן א גרויסע בוים מיט זיין מויל, אזוי קענען אידן מיט תפילה מבטל זיין אלע שלעכטס וואס די גוים פלאנען צו טון קעגען אונז. מיר זען פון דא די געוואלדיגע כח פון תפילה.

א גרויסע עולם קוקט אויף תפילה אלס א וועג צו בעטן אייגענע געברויכן פונעם אייבערשטער, למשל, געזונט און פרנסה. אבער אין אמת'ן אריין, א איד קען פועל'ן אסאך גוטס פאר אנדערע אידן אויך מיט זיין תפילות. א איד קען קיינמאל נישט וויסן וואס זיין תפילות טון אויף אין די וועלט. די פאלגענדע מעשה ווייזט אביסל דעם כח התפילה צו העלפן א צווייטן איד.

ר' אברהם גאלדבערג (נישט זיין עכטע נאמען) איז א איד וואס וואוינט היינט אין פלעטבוש. ווען די מעשה איז געשען א פאר יאר צוריק, איז עס געווען נאר עטליכע חדשים נאך די הסתלקות פון אברהם'ס זון וואס איז נעבאך פלוצלונג אוועק. דער בחור איז אוועק נאר זיבן וואכן נאך זיין בר מצוה. פארשטייט זיך אז ר' אברהם איז געווען צובראכן.

איין טאג האט ר' אברהם געדארפט גיין צו אן אפיס פונעם שטאט כדי צו ערלעדיגען א זאך. ליידער איז דער אפיס נישט געווען אין קיין בא'טעמ'טע פלאץ, עס איז געווען פול מיט גוים. ר' אברהם האט געדארפט ווארטן אויף א לאנגע שורה פאר ער זאל האבן די געלעגענהייט צו ערלעדיגען יענע ענין. זיי האבן אים געזאגט אז די ווארטן קען דוירען דריי שעה. ער איז געגאנגען צו דעם "קאנטער" און ער האט גענומען א נאמבער. (אזוי טוט מען אין אזעלכע ריזיגע אפיסעס, מען נעמט א נאמבער אין מ'ווארט ביז זיי רופן אויס די נאמבער).

עס איז געווען נאכמיטאג, אין עס איז געווען ווינטער צייט. ר' אברהם האט נישט געוואוסט וואס צו טון, ווייל ער האט נאכנישט געדאווענט מנחה. עס זענען נישט געווען קיין מנינים דארט אין יענעם געגענט. ר' אברהם האט זיך מיישב געווען צו ווארטן נאך א שעה און זען נאכדעם וואס וועט זיין. אינצווישען האט ער געזוכט א שטילע פלאץ אין א ווינקעל ערגעץ וואו ער האט געקענט לערנען אביסל...

ר' אברהם האט זיך אזוי פארטון אין דעם לערנען, אז ער האט נישט באמערקט אז עס איז געווארן גאר שפעט. עס איז געווען נאר א פאר מינוט פארן זמן. ר' אברהם האט ב"ה געזען אז עס זענען געווען א פאר ליידיגע שטובער אויפ'ן זייט פון דעם גרויסן קאנטער וואו אלע מענטשן האבן געווארט. ער איז שנעל אריינגעגאנגען אין איינער פון די שטובער, וואו ער האט גלייך אנגעהויבן צו דאווענען מיט א התלהבות כדי נישט צו פארפאסן די זמן תפילה.

ווען ר' אברהם האט געהאלטן אין מיט'ן שמונה עשרה האט ער געהערט אז איינער איז געקומען אין די שטוב אריין. "וואס טוסט דו דא?" האט איינער געשריגן אויף ר' אברהם. וויבאלד אברהם האט געהאלטן אין מיט'ן דאווענען, האט ער נישט געקענט ענטפערן דעם מענטש.

"איך האב דיך עפעס געפרעגט, וואס טוסט דו דא?" האט דער מענטש נאכאמאל געשריגן אויף ר' אברהם. "גיי ארויס פון דא יעצט אדער איך גיי רופן אן 'פאליס אפיסער'!" דער מענטש איז געקומען נאנטער און געשטאנען ממש לעבן ר' אברהם. ר' אברהם האט געוויזן פאר די מענטש זיין סידור, און ר' אברהם האט געטאפט זיינע פארמאכטע ליפן כדי צו מרמז זיין אז ער קען נישט ענטפערן ווייל ער האלט מיט'ן דאווענען. לכאורה, האט דער מענטש נישט געכאפט דעם רמז, ווייל, ער האט פלוצלונג גענומען ר' אברהם'ס ארם און ער האט אים געשטופט מיט אזא שטארקע כח אז ר' אברהם איז אריינגעקראכט אין די וואנט, און זיין סידור איז אראפגעפאלן. פארשטייט זיך אז ר' אברהם געווארן איבערראשט. ער האט אויפגעהויבן די סידור און ער האט שנעל געענדיגט דאווענען.

ר' אברהם איז שוין געווען צובראכן צוליב דאס אוועקגיין פון זיין זון עטליכע חדשים פריער. דער שטוף פונעם מענטש האט מעורר געווען אלע הרגשות און ער האט אנגעהויבן צו וויינען. "אנשטולדיגט מיר," האט ר' אברהם געזאגט מיט א פנים נאס פון טרערן. "איך האב יעצט פארלוירן מיין זון, און איך האב נאר געזוכט א פלאץ צו דאווענען צום ג–ט." צוליב די גרויסע התרגשות, האט ער נישט געקענט רעדן אזוי קלאר, וועגן דעם איז ער ארויסגעגאנגען פונעם שטוב אן רעדן מער מיט דעם מענטש.

ער האט געטראפן א בענקל אין דרויסן וואו ער האט זיך אוועקגעזעצט טראכטן וואס איז יעצט געשען. א פאר סעקונדעס שפעטער האט ער געשפירט א האנט אויף זיין אקסעל. "זייט מוחל," האט יענער מענטש געזאגט פאר ר' אברהם. "איך בין אויך א איד, און איך פיל אזוי שלעכט וועגן וואס איך האב געטון. ביטע זייט מוחל." ר' אברהם האט אים מוחל געווען און ער איז באלד נאכדעם אהיים געפארן. א פאר טעג שפעטער האט ר' אברהם דערציילט דער מעשה פאר א רב, און דער רב האט אים צוגערעדט אז ער זאל צוריק פארן צו יענעם אפיס צו מקרב זיין יענעם איד. און אזוי האט ר' אברהם געטון א פאר טעג שפעטער.

דער פריי'ער איד האט באגריסט ר' אברהם מיט א גרויסע שמייכל און א ווארעמע האנט–שאקל. "איך בין אזוי צופרידן אז דו ביסט צוריק געקומען, ווייל איך האב געוואלט רעדן מיט דיר. זאלסטו וויסן אז יענע וואך פרייטאג צו נאכטס בין איך געגאנגען אין שול פאר די ערשטע מאל אין אסאך יארן. איך האב געבעטן מחילה פון ג–ט, פאר דאס וואס איך האב געטון צו דיר. איך האב אויך געדאווענט א תפילה פאר דיין זון."

ווען מיר ליינען די ווערטער, שטייגט דער איד העכער און העכער אין אידישקייט. דער איד האט שפעטער דערציילט אז ווען ער האט געזען ר' אברהם דאווענען מיט אזא התלהבות, האט ער גע'כעס'ט אויף ר' אברהם ווייל עס האט מעורר געווען אין אים אז אפשר ער פירט זיך נישט ווי עס דארף צו זיין אין דאס לעבן. ווייל ער האט כמעט אינגאנצן פארגעסן פונעם אייבערשטען. מיר קענען קיינמאל נישט וויסן וואס אונזערע תפילות טון אויף. בכלל איז עס כדאי זיך צו מתחזק זיין אין דעם ענין פון כח התפילה.

עס אויך וויכטיג צו דערמיינען דא דעם וויכטיגקייט פון אין זינען האבן דעם כבוד פונעם מקום התפילה. למשל אויסצולעשען דעם סעל פאון ווען מען קומט אריין (אין קאורט להבדיל, טאמער עס קלינגט א סעל פאון נעמען עס אוועק אסאך דזשאדזשעס און זיי געבן עס נישט צוריק אדער הייסן זיי צו באצאלן א קנס!), נישט רעדן וועגן ביזנעס אין שול, נישט רעדן מיטן דאווענען, אפילו נאך "אשרי–ובא לציון," און אוודאי זיך נישט אפשטעלן צו שמועסן מיט א צווייטן אין מיטן א מנין וואו מען דאווענט אפילו נישט, און נישט שטערן די מתפללים מיט ראפעלס וכו' (וואס איז מער טייער, רעדן מיט דעם בורא עולם, אדער א טשענס צו געווינען צען טויזענט דאלער?!?) וכו', וכו'... הצלחה אין דעם לעבען איז דאך תלוי אויף די חסד פונעם אייבערשטען. און ווי אזוי קענען מיר זוכה זיין צו אלע חסדים? מיר דארפן נאר בעטן דעם אייבערשטען מיט הערציגע תפילות. **גוט שבת אלע אידן.**

לע"נ ר' יעקב בן ר' נפתלי ע"ה :: לע"נ ר' יצחק בן ר' שמעון ע"ה :: נא לעיין בגליונות אחר התפילה ולא באמצע, כדי לזכות ולא להכשיל
לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)